בס"ד

# פרדי"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת משפטים תשע"ח** | **שבת מברכין אדר שבת שקלים** | **גליון 444 [שנה י']**

**ווען א דיין פסקענט זאל ער ווייזן אינעווייניג אין ספר דעם פסק**

וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם: (כא א) די תורה הייסט א דיין צו פסקנען דינים, דער דיין וועט נישט זיין איינגענומען ווייל דער וואס ער איז מחייב קען דאך ווערן זיין שונא! זאגט די תורה וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים, דו דיין ווען דו פסקענ'ס א דין תורה איז דא א עצה, צו ווייזן דער וואס דו ביזט מחייב, אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם, ווי אזוי האסטו געפסקענט, אזוי ווי רש"י זאגט כְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ לפניהם, און אזוי וועט דער חייב נישט האבן קיין טענות צו דיר. וזכור לטוב הגאון ר' משה שטערן אב"ד דעברעצין זצ"ל וואס איך האב געזען ביי אים ווען איינער האט אים געפרעגט א שאלה האט ער ארויסגענומען ספרים און געוויזן פון וואו ער האט גענומען זיין פסק וכן ראיתי אצל הגאון ר' מאיר בראנדסדארפער זצ"ל. (שמח זבולון תשע"ח)

**פארוואס איז די מצוה פון עבד עברי די ערשטע אין פרשה?**

כִּי תִקְנֶה עֶבֶד עִבְרִי שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד וּבַשְּׁבִעִת יֵצֵא לַחָפְשִׁי חִנָּם: (כא ב) דארף מען פארשטיין פארוואס הויבט מען אן דער דין פון עבד עברי ערשט? אויך פרעגן אלע, וואס איז דער המשך עֶבֶד עִבְרִי צו די ענדע פרשת יתרו וְלֹא־תַעֲלֶה בְמַעֲלֹת עַל־מִזְבְּחִי אֲשֶׁר לֹא־תִגָּלֶה עֶרְוָתְךָ עָלָיו (כ כג)? נאר א עבד עברי איז ווייל ער האט געגנבעט, קומט אויס אז ער האט א חסרון און גלויבט נישט אז דער אויבערשטער גיט אכטונג אויך אויף דער וועלט, וועגן דעם האט ער געגנבעט, דעריבער האט די תורה געזאגט וְלֹא־תַעֲלֶה בְמַעֲלֹת עַל־מִזְבְּחִי זאלסט נישט טראכטן אז דער אויבערשטער גיט נאר אכטונג אויבן און חלילה נישט דא אונטען, ווייל אויב אזוי, אֲשֶׁר לֹא־תִגָּלֶה עֶרְוָתְךָ עָלָיו וועסטו נכשל ווערן אין גניבה און מוזן פארקויפט ווערן פאר א עבד וואס דאס איז א שאנדע, מיט דער איז גוט דער דרש פון רש"י: אוזן ששמעה בהר סיני אשר הוצאתיך מבית עבדים והלך וגנב, ווי קומט דא אריין הוצאתיך פון בית עבדים? נאר ווייל דער אויבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים איז א ראי' אז ער גיט אכטונג אויף דער וועלט אויך, ממילא פארוואס האסטו געגנבעט. (תפוחי חיים פאנעט דעעש קארלסבורג)

**וואס איז די הוה אמינא מען זאל בויערן די לינקע אויער**

וְרָצַע אֲדֹנָיו אֶת־אָזְנוֹ בַּמַּרְצֵעַ וַעֲבָדוֹ לְעֹלָם: (כא פסוק ו) שטייט אין רש"י וְרָצַע אֲדֹנָיו אֶת־אָזְנוֹ: מיינט מען הימנית, די רעכטע אויער, או אינו אלא שמאלית, די לינקע? פרעגן אלע וואס איז די הוה אמינא או אינו אלא שמאלית, ווען אלע מצוות אין די תורה איז מען לכתחילה מחוייב צו טאן מיט די רעכטע האנט? נאר מען קען ענטפערן אז עס שטייט אין מדרש רבה (שיר השירים פ"א ב) אויפן פסוק יִשָּׁקֵנִי מִנְּשִׁיקוֹת פִּיהוּ, וואס בשעת מתן תורה איז דער דיבור ארויס פון ימין פון הקב"ה צו די שמאל פון כלל ישראל, קומט אויס אז די אידן האבן געהערט די תורה פון די לינקע זייט און מיר לערנען אֹזֶן אֹזֶן פון הַר סִינַי ממילא וואלט מען געקענט מיינען, אזוי ווי דער אֹזֶן וואס האט געהערט ביי הר סיני, לא תגנוב, איז געווען אֹזֶן שמאל איז אויך די אֹזֶן פון דער עבד איז אויך אֹזֶן שמאל, דעריבער דארף מען דעם לימוד פון אֹזֶן אֹזֶן לגזרה שוה פון מצורע, דא שטייט וְרָצַע אֲדֹנָיו אֶת "אָזְנוֹ": און ביי מצורע שטייט עַל תְּנוּךְ "אֹזֶן" הַמִּטַּהֵר הַיְמָנִית (ויקרא יד יד), אזוי ווי דארט ביי מצורע איז די רעכטע אויער, אזוך אויך דא ביי עבד איז די רעכטע אויער. (חנוכת התורה רבי ר' העשל מקראקא)

**דרוש ופלפול פון לַחָפְשִׁי יְשַׁלְּחֶנּוּ אויב דער עבד האט דאס גורם געווען**

וְכִי־יַכֶּה אִישׁ אֶת־עֵין עַבְדּוֹ אוֹ אֶת־עֵין אֲמָתוֹ וְשִׁחֲתָהּ לַחָפְשִׁי יְשַׁלְּחֶנּוּ תַּחַת עֵינוֹ: וְאִם־שֵׁן עַבְדּוֹ אוֹ־שֵׁן אֲמָתוֹ יַפִּיל לַחָפְשִׁי יְשַׁלְּחֶנּוּ תַּחַת שִׁנּוֹ: (כא כו–כז) דער הייליגער חתם סופר (תורת משה) ברענגט א ריב"ש –ראשון– וואס קלערט א שאלה: וואס וועט זיין אויב א עבד האט שטארק אויפגערעגט אדער געשלאגן דעם אדון און וועגן דעם האט דער אדון ארויסגעקלאפט א אויג אדער א צָאן, איז דארט אויך דער דין פון לַחָפְשִׁי יְשַׁלְּחֶנּוּ? וויל דער חתם סופר ברענגען א ראי' פון א גמ' (ברכות דף ה.) אז יסורין זענען מכפר אויף אלע עבירות א ק"ו פון שֵׁן וְעַיִן, וואס א עבד גייט ארויס פריי וועגן שֵׁן וְעַיִן, איז ק"ו יסורין וואס נעמט ארום די גאנצע מענטש, אוודאי איז דאס מכפר און מען גייט פריי, און די גמ' (שבת דף נה.) זאגט: אין יסורין בלא עָוֹן, אז יסורין קומען פון זינדיגן, זעט מען אז אפילו דער מענטש האט גורם געווען צו זיינע יסורין מיטן זינדיגן, גייט ער פריי פון זיינע עבירות, דאס זעלבע ביי א קנעכט אפילו ער האט גורם געווען אז זיין אדון זאל אויסהאקן זיין שֵׁן וְעַיִן גייט ער ארויס פריי עכ"ד החתם סופר.

אבער לכאורה וואלט מען זיך געקענט דינגען סיי בסברא און אויך ברענגען א ראי' פון א אנדערע חז"ל און פַּטְרְ'ן דעם אדון: ווייל מען קען מחלק זיין צווישן דעם עבד און דעם מענטש וואס זינדיגט, ווייל דער עבד האט געשלאגן און דערצערענט זיין אדון להכעים כדי דער אדון זאל אים אויסהאקן זיין שֵׁן וְעַיִן, דעריבער זאל דער אדון נישט זיין שולדיג, אבער ווען א מענטש זינדיגט טוט ער איז נישט חלילה להכעיס, ווייל ווען ער וואלט געטראכט אז עס וועט קומען יסורין וועגן דעם, וואלט ער נישט געזינדיגט, נאר דער יצר הרע האט אים געמאכט פארגעסן דעם חשבון פון יסורין, וועגן דעם איז יסורין מכפר. און אויך א ראי' פון גמ' (ב"ק דף ד) וואס שטייט: א עבד וואס האט אנגעצונדן א גדיש –שייער– איז דער אדון פטור פון צו באצאלן, ווייל אויב יא, ווען א אדון וועט דערצערענען זיין עבד, וועט ער גיין אנצינדן דעם גדיש פון זיין חבר און אזוי מחייב זיין דעם אדון יעדן טאג אסאך געלט, זעט מען אז חז"ל האבן געמאכט א תקנה ראטעווען דעם אדון פון זיין עבד, די זעלבע תקנה דארף זיין, אויב דער דין איז אז א עבד וואס איז גורם אז זיין אדון זאל אים אויסהאקן שֵׁן וְעַיִן דארף אים דער אדון באפרייען, וועט יעדער עבד דערצערענען זיין אדון און גורם זיין אז דער אדון וועט אויסהאקן שֵׁן וְעַיִן און ער וועט ארויסגיין פריי! דעריבער קען מען זאגן: אז אויב דער עבד האט דאס גורם געווען, איז דער אדון פטור און דער עבד גייט נישט ארויס פריי מיט שן ועין. (בן לאשרי המקובל מרעננה ר' יצחק הוברמן) והנני מוסר עוד מודעה שהחלטתי להתפלל בלי נדר בכל יום על כל אלה שיעיינו בספר ויגידו בשמי דברי תורה לאחרים שיוושעו מכל צרה שצריכים ישועה בעולם הזה ובעולם הבא.

**וואס איז די שייכות אם כסף תלוה מיט העני עמך?**

אִם־כֶּסֶף תַּלְוֶה אֶת־עַמִּי אֶת־הֶעָנִי עִמָּךְ: (כב כד) דער פסוק איז שווער וואס איז דער שייכות פון כֶּסֶף תַּלְוֶה צו הֶעָנִי עִמָּךְ וואס דאס איז צדקה? נאר די גמ' (בבא מציעא דף ע"ה) זאגט דריי מענטשן שרייען אבער מען קען זיי נישט העלפן, און איינער פון זיי איז דער וואס פארבארגט געלט אן עדים, און שלמה המלך זאגט מַתָּן בַּסֵּתֶר יִכְפֶּה אָף (משלי כא יד) אז צדקה זאל מען געבן מתן בסתר און דאס איז גאר חשוב, דאס

מיינט דער פסוק אִם־כֶּסֶף תַּלְוֶה אויב דו פארבארגסט געלט דעמאלטס אֶת־עַמִּי זאלסט נעמען עדים, אבער אֶת־הֶעָנִי ווען דו גיסט צדקה צום ארימאן דעמאלטס עִמָּךְ, אז קיינער זאל נישט זען, מתן בסתר. (מדרש יהונתן אייבישיץ)

## מדור העובדות

### דער נייער קראקא רב הגאון ר' שמעון סופר זצ"ל גיט זיין דרשה און אלע הערן צו מיט דרך ארץ

הגאון ר' שמעון סופר דער מכתב סופר, זון פון היילינגן חת"ם סופר זצוק"ל, איז געווען רב אין מאטטערסדארף, און ווען ער איז געווען ניין און דרייסיג יאר אלט האט מען אים אנגעטראגן די רבנות אין די שטאט קראקא וואס איז געווען באוואוסט אלץ א שטאט פון גאר גרויסע לומדים און חריפים. דעריבער איז געווען א רייבעריי צווישן די יונגע לומדים פארוואס מען נעמט אזא יונגער רב נאך פון אינדרויסן! ווען אין קראקא איז דא געגונג גרויסער גאונים! אבער די גדולי ישראל האבן אלע געשטימט אז ר' שמעון זאל ווערן רב פון שטאט און רוב עולם האט געשטימט מיטן הכתרה און עס איז געווארען שטיל.

ווי דער שטייגער איז געווען אין קראקא: אז דער ערשטער שבת פון א נייע רבנות האט זיך צוזאמען געקומען די לומדים פון שטאט אין שול פון רמ"א צו הערן א דרשה פון נייעם רב. ר' שמעון זייענדיג א גאון, האט צוזאמען געשטעלט א טיפע דרשה און אפגעשריבן די מראה מקומות אין ש"ס און פוסקים פון זיין דרשה און מען האט דאס געשטעלט אין די שולן פון קראקא. און די יונגע לומדים וואס האבן נאך נישט משלים געווען אז ר' שמעון זאל זיין רב, האבן מחליט געווען אז זיי וועלן זיך גוט אנגרייטן אין די אלע מראה מקומות און ביים שיעור וועלן זיי קענען פרעגן גוטע קשיות און פאדרייען דעם נייעם רב און אפשר וועלן זיי אים נאך קענען אפפרעגן.

די ראשי הקהל האבן אויס געפונען וואס די יונגע לומדים ווילן טאן, און געבעטן דעם רב אפצושטופן די דרשה אויף א ווײלע ביז די כעס פון די יונגע לומדים וועלן אוועקגיין, אבער דער רב האט קלאר געזאגט אז ער גייט רעדן דעם שבת און ער האט נישט מורא פון די יונגע לומדים. דער שבת איז אנגעקומען און די שול פון רמ"א איז געווען געפאקט פון נייגעריגע מענטשן וואס האבן געהערט וואס די יונגע לומדים ווילן טאן און עס איז געווען געפאקט אז דער שול איז געווען צו קליין.

דער רב איז אנגעקומען אין שול און איז ארויף געקומען אויפן בימה און הויפט אן מורי ורבותי! פאר איך פַאנג אן מיין דרשה וויל איך אייך דערציילן א מעשה פון מיין טאטע דער אלעמען באקאנטער חתם סופר פון פרעשבורג:

עס איז געווען א בחור אין זיין ישיבה וואס איז געווען פון א מכובדיגע תורה שטוב און געלערנט פיין, ווען עס איז אים אריין אין קאפ א שגעון און אנגעהויבן ביסלאך ווייס צו גליטשן און מיין טאטע האט גערעדט צו אים מיט ווייכע רייד אבער גארנישט האט געהאלפן און דער טאטע האט נישט געוואלט אז דער בחור זאל האבן א השפעה אויף די אנדער בחורים און מיט א שווערע הארץ אים פארשיקט פון די ישיבה.

דער בחור איז אוועקגעפארן פון פרעשבורג און זיך באזעצט אין א ווייטער שטאט און שפעטער האט ער חתונה געהאט מיט א מיידל פון פרעשבורג און איז אראפ פון וועג און זייענדיג א מחלל שבת בפרהסיא האט ער געעפענט זיין געשעפט אין שבת.

עדות זענען געקומען צום טאטן אז זיין תלמיד איז מחלל שבת בפרהסיא האט ער געשיקט מיין ברודער ר' שמואל בנימין- דער כתב סופר- זאל גיין מוחה זיין, און זאגן אויב ער וועט נישט פאלגן שפילט ער מיט פייער! מיין ברודער איז געגאנגען מיטן שליחות, און מוחה געווען און דער מחלל שבת נעמט אן מיין ברודער אוןווארפט אים ארויס פון זיין געשעפט. דעם קומענדיגן שבת האט מען ווייטער געקומען זאגן עדות פארן טאטן אז יענער איז מחלל שבת, האט ער געשיקט נאכאמאל מיין ברודער ער זאל אים ווארענען אז ער שפילט זיך מיט פייער און האט אים נאכאמאל אויף געהויבן און ארויס געווארפן און געווארענט אויב ער קומט נאכאמאל מוחה זיין וועט ער אים גוט צושלאגן!

דער דריטן שבת האט מען ווייטער געזאגט עדות פארן טאטן און דער טאטע האט געשיקט נאכאמאל מיין ברודער גיין מוחה זיין, אבער מיין ברודער האט מורא געהאט צו גיין, האט מיין טאטע מיר געשיקט צוזאמען מיט מיין עלטערע ברודער און אונז געזאגט אויב דער מחלל שבת וועט אייך שלאגן זאלט איר מכוון זיין דעם שֵם און ער וועט שטארבן אויפן פלאץ און עס וועט זיין א קידוש ה'! און מיר טאקע זענען געקומען און מוחה זיין און ער האט דערלאנגט א פראסק פאר מיין ברודער און מיר זענען ארויסגעלאפן פון געשעפט און גענומען מכוון זיין דעם שֵם וואס דער טאטע האט אונז אויסגעלערנט און אין א פאר מינוט איז דער מחלל שבת געפאלן טויט.

דער קראקא רב איז געבליבן שטיל א פאר מינוט און ארום געקוקט דעם עולם און אנגעהויבן זאגן: שמעו נא רבותי! איך האב געהערט אז עס האט זיך דא געזאמעלט לומדי תורה וואס זענען געקומען מיר שטערן און פרעגן קשיות ביי מיין דרשה, זאלט איר וויסן: אויב זייער כוונה איז צוקומען  צו אמיתה של תורה, אדרבה! אזוי וועלן מיר בעסער צוקומען צום אמת'ע פשט, אבער אויב עס איז דא וואס זייער פרעגן וועט נישט זיין "לשמה" נאר ח"ו "לקנטר", בִין איך זיי מודיע אז איך געדענק נאך גוט דעם שֵם וואס מיין הייליגער טאטע האט אונז אויסגעלערנט!

האט דערצילט דער טשעבינער רב פון ירושלים הגאון ר' בעריש ווײדנפלד זצ"ל וואס האט געהערט פון זיין הייליגן טאטע ר' יעקב אב"ד הרימילוב דער כוכב מיעקב זצ"ל וואס איז געווען ביים דרשה: די ווערטער האט געווארפן א שרעק אויפן גאנצן עולם, אז אלע האבן אויסגעהערט דעם דרשה און קיינער האט נישט דערוואגט צו שטערן די דרשה, נישט צוטשעפן דעם נייעם רב. דער דרשה האט געווירקט אויף די לומדי תורה וואס האבן געזען וואס פארא גאון איז זייער נייער רב און מען האט אים מקבל געווען בשלימות.

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $12000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $4000, משנה למלך שהמהרי"ל דיסקין נתן במתנה $3500, מכתב קודש כולו כתב יד של הרה"ק ר' אליעזר פיש אדמו"ר מאטעסאלקע $800, ספר לחם שמנה ראפשיץ דפו"ר $600, אור ישראל על הזוהר מגיד מקאזניץ דפו"ר $500,  ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , מעבר יבוק דפוס זיטאמיר $1000, ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000 רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, חומש דברים עם אוה"ח דפוס סלאוויטא $2500,

20,000 ספרים און בריוון און דאקומענטן צום פארקויפןדער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414  718 633 5500**
**T/f  Hours are 11-7:30  Fri  till 1:30,  To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***